**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/24/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**אין לויף פון קלימאט וואך האט גאווערנער האקול געגעבן אן אפדעיט איבער 15 מיליאן דאלערדיגע באפעסטיגונג פראיעקט צו ערזעצן וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן ׳מיראָר לעיק׳ אין דער נארט קאנטרי**

***פראיעקט צו פארריכטן און ערזעצן אומגעפער 2,000 פיס לאנג פון סעניטערי סוּער און וואסער ליניעס אונטער סטעיט ראוט 86 און עקזיסטירנדע געביידעס צווישן מעין סטריט און ׳מיראָר לעיק׳***

***DOT אינוועסטירט באלד 35 מיליאן דאלער אין פארבעסערונגען צו נארט קאנטרי ראודס און בריקן***

אין לויף פון דער הייעריגער קלימאט וואך האט גאווערנער קעטי האקול היינט געגעבן אן אפדעיט איבער א 15.6 מיליאן דאלערדיגע אויספירליכע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקט אונטערוועגנס אין ׳לעיק פלעסיד׳ און טראנספארטאציע פארבעסערונגען צו סטעיט ראודס און בריקן אין דער נארט קאנטרי. דער פראיעקט רעכנט אריין פארריכטונגען אויף א לענג פון אומגעפער 2,000 פיס פון סעניטערי סוּער און וואסער ליניעס וואס געפונען זיך אונטער סטעיט ראוט 86 און עקזיסטירנדע געביידעס צווישן מעין סטריט און ׳מיראָר לעיק׳ וואס וועלן אפהאלטן פאטענציעלע סוּער עלעמענטן פון איבערפלוס און רעדוצירן אומגינציגע וואסער קוואליטעט און פובליק געזונטהייט תוצאות צו ׳מיראָר לעיק׳. דער מעין סטריט טייל פונ׳ם פראיעקט ווערט געפלאנט אויף צו זיין מערסטנס פארענדיגט ביז ענדע פון 2022.

דער גאווערנער האט אויך געגעבן אן אפדעיט איבער דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען׳ס אינוועסטירונג פון באלד 35 מיליאן דאלער צו מאכן קריטיש-וויכטיג אפגרעידס צו העכסט-נויטיגע סטעיט ראודס און בריקן נעבן ׳לעיק פלעסיד׳ אין די לעצטע פאר יאר. אין די פארלאפענע צוויי יאר האט DOT איבערגעפלאסטערט איבער 37 מייל פון ראוט 86, ראוט 73, און ראוט N9 אין עסעקס קאונטי אינ׳ם געגנט פון ׳לעיק פלעסיד׳.

"ניו יארק סטעיט איז אנטשלאסן צו בויען געזונטע און באפעסטיגטע קאמיוניטיס דא אין דער ווילעדזש אָוו לעיק פלעסיד און לענגאויס דער נארט קאנטרי, איבערהויפט אין לויף פון קלימאט וואך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר העלפן ארטיגע רעגירונגען צו האבן צוטריט צו די מיטלען אין וואס זיי נויטיגן זיך צו פארענדיגן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וואס זענען אינאווירנד און דערגרייכן ענווייראנמענטאלע, סאציעלע און עקאנאמישע בענעפיטן. דער פראיעקט איז א גוטער ביישפיל פון וויאזוי רעגירונגען קענען ארבעטן שווערער און קלוגער ווען זיי ארבעטן אינאיינעם צו א געמיינזאמער ציל וואס איז פאר אונז אלע וויכטיג."

**לעיק פלעסיד מעין סטריט וואסער אינפראסטרוקטור**

אין צוגאב צו דער סוּער ארבעט וועט דער ווילעדזש אָוו לעיק פלעסיד אינסטאלירן גרינע שטורעם-וואסער אינפראסטרוקטור אריינגערעכנט בייאו-רעטענשען, לעכערדיגע פעיווער סיידוואקס און שטורעם-וואסער אלס טייל פון א גרעסערער מעין סטריט איבערבוי פראיעקט. די גרינע אינפראסטרוקטור צוגאנגען וועלן אריינכאפן און אויספילטער׳ן שטורעם-וואסער אפלויף פון געפלאסטערטע ערטער אויף

מעין סטריט און די דערנעבנדע געדעכט-אנטוויקלטע בערגל וואסערשייד, וועלכס פליסט איצט דירעקט אריין אין מיראָר לעיק.

נאך שטאנדטיילן פון דעם פראיעקט וועלן העלפן אדרעסירן וואסער סופליי קאפאציטעט נישט-גענוגקייטן אריינגערעכנט דאס צולייגן א 1.5-מיליאן-גאלאנדיגע וואסער סטארעדזש טאנק און אנדערע פארבעסערונגען ביי דעם וואסער באהאנדלונגס פאבריק און צושטעלן א ווידער-אויפגעלעבטער גאסן-אויסזעה אין דער ביזנעס דיסטריקט פון דעם ווילעדזש און אין דער זעלבער צייט פארבעסערן פובליק זיכערהייט, פוסגייער-גינציגקייט און לעבנס-קוואליטעט.

דער מעין סטריט טייל פונ׳ם פראיעקט ווערט געפלאנט אויף צו זיין מערסטנס פארענדיגט ביז ענדע פון 2022. פארשריטן ביז היינט רעכנענען אריין דאס אינסטאלירן דריי אינפילטרעישען טשעימבערס וואס וועלן אויספילטער׳ן שטורעם-וואסער און עס אפהאלטן פון אריינגיין אין מיראָר לעיק. אינסטאלאציע פון דער נייער הויפט וואסער ליניע לענגאויס מעין סטריט איז שוין פארענדיגט געווארן און איז שוין איצט אין אפעראציע. הוק-אָפּס צו אלע רעסטוראנטן און רעזידענצן איז שוין באלד פערטיג.

פינאנצירונג פאר׳ן פראיעקט רעכנט אריין:

- EFC גרינע אינאוואציע גרענט: $6,334,300
- EFC לאָו קאָסט פינאנצירונג: $6,246,928
- DOT גרענט: $2,970,000
- סך הכל לעיק פלעסיד פראיעקט קאסט: $15,551,228

דורך דער גאווערנער׳ס קאנסאלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע (CFA) פראצעס, טוט דער גרינער אינאוואציע גרענט פראגראם (GIGP) שטיצט פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט וואס ניצן אייגנארטיגע EPA דעזיגנירטע גרינע שטורעם-וואסער אינפראסטרוקטור אויסלייג און שאפן פארגעשריטענע גרינע טעכנאלאגיעס. דער GIGP פראגראם ווערט פינאנצירט דורך סיי דער ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד און דער NYS ריינע אינפראסטרוקטור אקט פון 2017. GIGP-פינאנצירטע פראיעקטן קען מען געפונען פון באפעלאו ביז׳ן ענדע לאנג איילענד און אנטהאלטן רעגן גארטענס ביז וואסערל "דעיליייטינג" פראיעקטן.

דער GIGP וועט געבן ביז 20 מיליאן דאלער אין גרענט פינאנצירונג אויף א פארמעסטערישע באזיס פאר פראיעקטן וואס פארבעסערן וואסער קוואליטעט און לינדערן די תוצאות פון קלימאט ענדערונג דורך דאס איינפירן פון איינע אדער מער פון די פאלגענדע גרינע איינגעפירעכצער: גרינע שטורעם-וואסער אינפראסטרוקטור, ענערגיע-שפּאָר מיטלען, און וואסער-שפּאָר מיטלען. זינט איר אנהייב אין 2009 זענען 255 פראיעקטן אין ווערט פון 202 מיליאן דאלער אויסגעטיילט געווארן. אין 2020 זענען 70 פראצענט פון GIGP פראיעקטן אויסגעטיילט געווארן צו פראיעקטן וועלכע סערווירן ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטיס.

**דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר איר אנטשלאסנקייט צו פארבעסערן דער זיכערהייט און העכערן אויסהאלטבארקייט פון דעם ווילעדזש אָוו לעיק פלעסיד און די גרעיטער נארט קאנטרי ראיאן. די אינוועסטירונגען וואס ווערן היינט איינגעפירט וועלן פארבעסערן דער פארמעסטערישקייט פון דער מאיעסטעטישער קאמיוניטי דורך באשיצן דער ענווייראנמענט דורך פארבעסערטע מיסט-וואסער און שטורעם-וואסער פארוואלטונג ווי אויך צושטעלן זיכערע און צוגענגליכע פוסגייער און ביציקליסט צוטריט צו דער דאונטאון ביזנעס דיסטריקט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען (DEC) קאמישענער און EFC באורד פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "אין בלויז איין מאנאט זינט זי איז ארייינגעקומען אין אמט האט גאווערנער האקול פארשטערקערט די באמיאונגען פון ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט אונטערצוהייבן די מעגליכקייט פון קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט זיך צו בעסער צוגרייטן פאר שווערע וועטער און פלייצונגען געטריבן דורך קלימאט ענדערונג. דורך פאראויס ציען באמיאונגען צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז און סטראטעגיש אינוועסטירן אין גרינע אינפראסטרוקטור פירט גאווערנער האקול דורך דאס זיין אליין א מוסטער. דער היינטיגער אנאנסמענט אין לעיק פּלעסיד איז אן אינוועסטירונג אין דער צוקונפט פון דעם קאמיוניטי און DEC שטאלצירט זיך זיך אנצושליסן אינאיינעם מיט EFC און דער ווילעדזש אָוו לעיק פּלעסיד צו אוואנסירן דער גרינע אינאוואציע גרענט פראיעקט וואס וועט אפהיטן מיראָר לעיק דורך ניצן גרינע אויסהאלטבארע אינפראסטרוקטור."

**ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ סיניאר וויצע פרעזידענט און COO מאלי לארקין האט געזאגט,** "EFC פריידט זיך אנצושליסן מיט דער ווילעדזש אָוו לעיק פּלעסיד צוצושטעלן גרענטס און לאָו-קאָסט פינאנצירונג צו שטיצן דעם פראיעקט. מען קען זעהן די קאנסטראקשען וואס וועט רעזולטירן אין א הערליך-אויפגעלעבטע גאס-אויסזעה, אבער וואס מען קען נישט זעהן זענען די פארגעשריטענסטע גרינע שטורעם-וואסער טעכנאלאגיעס און נייע וואסער ליניעס אונטער דעם וואס וועט העלפן לייגן די גרונטווערק פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג. EFC בלייבט אנטשלאסן צו אדמיניסטרירן די גרענט געלטער ארויסגעגעבן דורך גאווערנער האקול דעם וואך און העלפן ווי מער קאמיוניטיס מעגליך צו זעהן די שאוועלס אין דער ערד פאר זייערע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן, און EFC דאנקט איר פאר דאס העכערן דער צאל גרינע אינפראסטרוקטור גרענטס וואס וועלן צושטעלן אינאווירנדע לייזונגען פאר קאמיוניטיס ווי לעיק פּלעסיד און זיי פלאצירן פאר וואוקס, שפע, און פעסטקייט."

**דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען פראיעקטן**

DOT׳ס ראוד ארבעט אין דער געגנט פון לעיק פּלעסיד רעכנט אריין איבערפלאסטערן וואס איז שוין באלד אינגאנצן פערטיג אויף באלד זיבן מייל פון ראוט 86 צווישן לעיק פּלעסיד און סאראנאק לעיק; פיל פון יענע ארבעט איז געמאכט געווארן ביינאכט כדי צו מינימיזירן טראפיק תוצאות.

אין דעם טאון אָוו קיען האט DOT איבערגעפלאסטערט צוויי טיילן פון ראוט 73, א הויפט קאנעקטאר צווישן עקזיט 30 פון דער אדיראנדעק נארטוועי (אינטערסטעיט 87) און לעיק פּלעסיד. דער דעפארטמענט האט אויך ערזעצט א פארערגערטע קאָלווערט אונטער ראוט 73 אין קיען דעם פארלאפענעם זומער און עס האלט קרוב צו פערטיג ווערן אויף אויסטוישונג פון אויסגעניצטע רעילס אין די טאון אָוו קיען און די טאון אָוו נארט עלבא לענגאויס געוויסע טיילן פון דעם ראוד.

DOT האט אויך געעפנט א נייע ׳סקי דזשאָמפ ברידזש׳ אויף ראוט 73 איבער דער מערב צווייג פון דער אַוסאַבעל טייך מיט א בליק אויף די 1980 סקי דזשאָמפס גלייך צו דרום פון לעיק פּלעסיד אין 2017; דער נייער בריק ערזעצט צוויי 85-יעריגע בריקן איבער׳ן טייך. צווישן 2015 און 2017 האט DOT אויך ערזעצט זיבן ברידזשעס אויף ראוט 73 אין דער טאון אָוו קיען וואס פירט צו לעיק פּלעסיד.

**לעיק פּלעסיד מעיאר ארט דעוולין האט געזאגט,** "דער היינטיגער אנאנסמענט איז א גרויסער גרייכפונקט אין די פארשריט וואס מיר דערגרייכן אין אונזער ווידער-אויפלעבונג ארבעט לענגאויס מעין סטריט. אין נאמען פון ווילעדזש אָוו לעיק פּלעסיד וויל איך באדאנקען אלע אונזערע אויסגעצייכנטע עקאנאמישע אנטוויקלונג מיטארבעטער אין דער באמיאונג פון שטיצן פראגרעס פאר אונזער קאמיוניטי."

**נארט עלבא סופערווייזער דזשעי רענד האט געזאגט,** "א ווידער-אויפגעלעבטע גאס-אויסזעה און

אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלן בעסער מאכן דעם לעבנס-קוואליטעט פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך און האבן א פאזיטיווע השפעה אויף אונזער קאמיוניטי. מיר קענען נישט זיין מער באגייסטערט וועגן דעם צוקונפט."

**עסעקס קאונטי באורד אוו סופערווייזערס פארזיצער שאון דזשילילענד,** "באפעסטיגטע אינפראסטרוקטור איז קריטיש-וויכטיג צו וואקסן אונזערע דאונטאונס. דער דעוועלאפמענט וועט לייגן א נייע יסוד פאר וואוקס דא אין עסעקס קאונטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן